**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/8/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול האלט זיצונגען מיט לערער, סקול סופעראינטענדענטס, און עלטערן דורכצורעדן פאנדעמיע נעקסטע שריטן**

***בילדער צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געהאלטן זיצונגען מיט ניו יארק סטעיט לערער, סופעראינטענדענטס און עלטערן זיי צו דאנקען פאר זייער ארבעט צו האלטן אונזערע סקולס אפן און אפגעהיטן, און הערן זייערע מיינונגען אויף וויאזוי פארצוזעצן שכל׳דיג צו באשיצן קעגן קאָוויד-19.

״אזוי ווי מיר זענען ווייטער אז פעלער און האספיטאליזאציעס פאלן, גלויב איך עס איז וויכטיג צו ארבעטן נאענט מיט גרופעס און פירער אויפ׳ן פלאץ כדי צו מיר קענען זיך ציען אויף פאראויס אין דער פאנדעמיע אויף אן אופן וואו מיר קענען בלייבן אין פארנט פון קאָוויד-19 און האלטן ניו יארקער באשיצט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״האלט אפן סקולס איז שטענדיג געווען מיין הויפט פריאריטעט, און איך וויל דאנקען די לערער, אדמיניסטרירער, און עלטערן וועלכע האבן זיך מיט מיר באטייליגט היינט צו הערן פון זיי דירעקט. איך וויל אויך דערמאנען פאר עלטערן און אויפציער צו ביטע וואקסינירן זייערע קינדער און בוסט׳ען אויב בארעכטיגט. דער וואקסין איז זיכער, אומזיסט, דאקטאר-באשטעטיגט און דער שליסל צו האלטן זיכער אונזערע קאמיוניטיס און פארוואונדליכע פאמיליע מיטגלידער.״

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון סקול סופעראינטענדענטס עקזעקיוטיוו דירעקטאר טשארלס דעדריק האט געזאגט,** ״מיר זענען דאנקבאר אז גאווערנער האקול אנערקענט די ווערד פון הערן דירעקט פון סופעראינטענדענטס און אנדערע מענטשן וועלכע ארבעטן אין סקולס און אז זי האט אנערקענט אונזער געמיינזאמע סוקסעס אין האלטן סקולס אפן פאר פערזענליכע אויסשולן פאר באלד אלע קינדער, באלד א גאנץ יאר. מיר גלויבן אז דורכגעטראכטע ענדערונגען צו סטעיט פאדערונגען קענען איצט העלפן אויסהאלטן פובליק שטיצע פאר סיי וועלכע פאדערונגען וועלן בלייבן נויטיג.״

**ניו יארק סטעיט סקול באורדס אסאסיעשען עקזעקיוטיוו דירעקטאר ראבערט עס. שניידער האט געזאגט,** ״מיר שעצן דער געלעגנהייט צו רעדן דירעקט מיט גאווערנער האקול איבער אירע אפווארטנדע באשלוס איבער פארלענגערן דעם מאסקע מאנדאט אין סקולס. אזוי ווי יעדער, זענען אונזערע מיטגלידער גרייט ווייטער אנצוגיין פון דער פאנדעמיע און זיך אומקערן צום לעבן ווי נארמאל, און זיי ווילן עס טון אויף אן אופן וואס האלט אלע סטודענטן, לערער, ארבעטער און זייערע פאמיליעס אפגעהיטן. דער גאווערנער, אזוי ווי סקול באורד מיטגלידער, מוזן באלאנסירן פילע באזונדערע זארגן און סוף-כל-סוף באשליסן באזירט אויף וואס איז דאס בעסטע פאר אונזערע סטודענטן. דער גאווערנער׳ס גרייטקייט אויסצוהערן די מיינונגען פון דער עדיוקעשען קאמיוניטי וועט אן קיין ספק רעזולטירן אין אן אינפארמירטע פאזיציע און האפנטליך אונז אלע שטעלן אין א בעסערע פאזיציע זיך צו ציען אויף פאראויס.״

**קאונסיל פון סקול סופערווייזערס און אדמיניסטרירער מארק עף. קאניזארא האט געזאגט,** ״דער CSA שעצט דער גאווערנער׳ס פשוט-שכל׳דיגע צוגאנג. מיר האבן גרויס האפענונג אז אומשטענדן וועלן

באלד ערמעגליכן פאר א פארלייכטערונג פון באגרענעצונגען און אין דער זעלבער צייט אויסהאלטן א זיכערע ענווייראָנמענט פאר סטודענטן און שטאב.״

**סקול אדמיניסטרירער אסאסיעשען פון ניו יארק דירעקטאר פון רעגירונג באציאונגען סינדי געלעגהער האט געזאגט,** ״דער סקול אדמיניסטרירער אסאסיעשען פון ניו יארק סטעיט האט זיך געפרייט צו ווערן געלאדנט דורך גאווערנער האקול אדורכצורעדן קאָוויד-19 פארבינדענע אנווייזונגען און מעגליכע אנדערע ענינים פאר ענדערן מאסקע אנווייזונגען. ווי די גאווערנער האט געזאגט אין איר היינטיגער געשפרעך. עס איז וויכטיג צו האבן די געשפרעכן צו פארשטיין די הילוך המחשבה איינער פון אנדערן. מיר זענען דאנקבאר אז די גאווערנער האט געשפירט אז געביידע אדמיניסטרירער זענען צוטרויליכע מיינונגען אין זייערע קאמיוניטיס און אז אונזערע געדאנקען זענען געווען וויכטיגע ארייננזאג אין אירע באשלוס מאכן פראצעס.״

**קאנפערענץ פון ׳ביג 5 סקול דיסטריקטס׳ פארזיצער רעווערענד סטיוו לאפעז האט געזאגט,** ״מיר האבן געארבעט אומערמידליך אומצוקערן קינדער צו פערזענליכע לערנונג וואו מיר ווייסן אז זיי באלאנגען און מר זענען ריכטיג דאנקבאר פאר די שטיצע-מיטלען וואס דער גאווערנער האט פארשאפט צו ערמעגליכן פאר אונז צו אדרעסירן א ברייטע ריי געזונט און זיכערהייט נושאים און איינפירן טעסט אויף צו בלייבן פראגראמען. מיר ווילן נישט אפשוואכן די פארשריטן וואס זענען געמאכט געווארן. מיר מוטיגן דעם גאווערנער צו פארזיכערן אז דער סטעיט זעצט פאר ווייטער נאכצופאלגן די וויסנשאפט אזוי ווי נעמט אין באטראכט דאס עלימינירן מאסקע מאנדאטן. סיי וועלכע פאליסי ענדערונגען פארבינדן מיט די היינטיגע סקול מאסקע מאנדאט מוזן איינגעפירט ווערן אויפ׳ן זעלבן שטייגער לענגאויס דעם סטעיט דורך דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. זיי זאלן באאויפטראגט ווערן מיט אוועקשטעלן סטאנדארטיזירטע מעטריקס און א סיסטעם פאר דער סטעיט צו מאכן באשלוסן, אויף א ראיאנישע באזיס, וואס אנבאלאנגט סקול מאסקע מאנדאטן. דאס איז נישט קיין פאראנטווארטליכקייט וואס זאל געלייגט ווערן אויף סופעראינטענדענטס און סקול באָורדס אדער שוין פריער אנגעשטרענגטע העלט דעפארטמענטס. אונזערע פאמיליעס און אונזער שטאב פארלאזן זיך אויף אונז זיי צו האלטן אפגעהיטן און מיר פארלאזן זיך אויף דעם סטעיט צו פארזיכערן אז וויסנשאפט טרייבט סיי וועלכע פאָליסי ענדערונג.״

**ניו יארק סטעיט עלטערן און לערער אסאסיעשען פרעזידענט דאנא פלאטין האט געזאגט,** ״מיר דאנקען דעם גאווערנער פאר די היינטיגע קריטיש-וויכטיגע זיצונג און איר אנגייענדע צוזאמארבעט, און מיר שליסן זיך איצט אן מיט איר אין ארויסקוקן אויף זיך אומצוקערן צו מער נארמאלקייט אין אונזערע סקול געביידעס. מיר האבן טעגליכע געשפרעכן מיט דער גאווערנער׳ס שטאב אויף די קריטיש-וויכטיגע נושאים וואס אונזערע סקולס שטייען אויס, אריינגערעכנט אפטע געשפרעכן אויף קאָוויד-19 און די פראגעס וואס עלטערן און פאמיליעס זוכן ענטפערס דערויף — מאסקירן, זיך אפזונדערן, קווארענטין, אקאדעמישע ערהוילונג, און אקאדעמישע און סאציעלע עמאציאנעלע שטיצע פאר אלע סטודענטן, און איבערהויפט סטודענטן מיט אומפעאיגקייטן. טראץ דעם וואס מיר זענען נישט שטענדיג איינשטימיג, שפירן מיר זיך נאך דער היינטיגער קאָל באנייט אין גלויבן אז דער גאווערנער פארשטייט די זארגן פון עלטערן און פאמיליעס פון לענגאויס דעם סטעיט און מיר שטאלצירן זיך צו פארטרעטן די PTA פאזיציעס אויף די אנגעלעגנהייטן. מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט עדיוקעשען סטעיקהאָלדערס, דער גאווערנער, אונזער סטעיט עדיוקעשען דעפארטמענט, און אונזער לעגיסלאטור כדי צו קענען נאכאמאל זען אונזערע קינדער׳ס פרייליכע געזיכטער, מיט האפענונג אין דעם באלדיגן צוקונפט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן